# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון **שער הבטחון**
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **מקץ - ויגש** תשפ"ב ◆ עלון מס': **78**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### ווען דער אריה"ק וואלט ווען געווען מיט אונז!

דער ערשטער יסוד וואס יעדער איד וואס שטארקט זיך אין אמונה און אין בטחון לערנט זיך אויס איז, אז נישט די השתדלות אין וואס ער איז עוסק ברענגט אים די פרנסה.

פרנסה איז פון הימל! דער באשעפער איז דער מזין ומטריף! און אויך דער מסבב כל הסיבות האט געפירט אזוי אז דאס און דאס זאל זיין די השתדלות וואס ער דארף צו טון פאר די פרנסה, און ער האט עס געטון ווייל אזוי וויל ער, אבער די תוצאה צי מען זאל האבן פון דעם פרנסה בלייבט ווייטער אין זיינע הענט.

וויאזוי ווייסט א איד צי די השתדלות וואס ער טוט איז די ריכטיגע השתדלות? ווען א איד זעט אז זיין ארבעט איז אויסגעהאלטן הלכה'דיג און לויט אלע דקדוקי הקדושה ווייסט ער אז ער טוט ריכטיג! ווען א איד ארבעט זעכצן יאר אין איין פלאץ און ער זעט אז די ארבעט האט אים נאך קיינמאל נישט צוגעברענגט ער זאל דארפן עובר זיין אויף די מינדעסטע עבירה, ער קען דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין, ער קען זיך היטן די אויגן, די אויערן, ווייסט ער אז ער איז אין די ריכטיגע פלאץ, אז דאס וויל דער באשעפער פון אים.

און אויב נאך זעכצן יאר כולן שווין לטובה טוישט זיך די סביבה און עס קומען אריין אין בילד נייע מענטשן וואס צו בלייבן אין זייער סביבה איז נישט אויסגעהאלטן, הייבט ער זיך אויף און פארפאקט זיינע זאכן און איז מוותר אויף א געהאלט פון צוואנציג טויזנט שקל א חודש גלייבנדיג אז דאס איז דער רצון השם, מאכט ער א געוואלדיגער נחת רוח למעלה.

איי, וכי תאמרו מה נאכל? צי מעג דען א איד אפלאזן אלעס און זיך גיין זוכן א צווייטע פרנסה? דער תירוץ אויף דעם איז, אז הרבה דרכים למקום! דער באשעפער האט זיך זיינע וועגן וויאזוי ער קען שפייזן א איד!

עס האט שוין פאסירט אז אזא איד גייט אין גאס און עס באגעגנט אים א פילינטראפ און ווערט באגייסטערט צו זען אזא איד, און שרייבט אים אויס א טשעק פון הונדערט טויזנט דאלער ער זאל האבן פון וואו צו לעבן בהרחבה גדולה.

דאס איז נאר א בייששפיל! מיר דארפן נישט עצה'נען פאר'ן באשעפער, ער האט זיך זיינע וועגן אבער מיר טארן נישט פארגעסן אז נישט די השתדלות ברענגט די פרנסה, נישט די נדיבים און קיינע רעגירונגס פאנדן, די אלע זאכן זענען נאר מיטלען, די פרנסה קומט פון דעם רבוש"ע אליין.

ווען א איד לעבט מיט דעם אז נישט די השתדלות ברענגט אים די פרנסה, ווערט ער נישט צובראכן ביי זיך ווען די השתדלות ארבעט זיך נישט אויס.

עס זיצט זיך א סופר סת"ם און לייגט אריין שווערע הארוואניע אפצושרייבן א מזוזה, און אינמיטן קומט אריין א קינד און אומוועלנדיג מאכט ער א פאלשער רוק און די פלעשל טינט גיסט זיך אויס און פסל'ט די קלף, וועט זיך ווענדן ווי שטארק איז די אמונה פון דעם איד.

א סופר וואס איז א שטארקער בעל אמונה ווערט בכלל נישט אויפגערעגט. ער ווייסט אז ער האט יעצט דערלייגט צוויי הונדערט דאלער, אבער ער ווייסט אויך אז דאס איז געווען באשערט און דאס איז דער רצון השם, און איי וואס וועט זיין מיט די געלט? השי"ת וועט שוין שיקן פון ערגעץ אנדערש ווייל השי"ת איז דער שפייזער, נישט די השתדלות שיקט די געלט, אבער א צווייטער סופר וואס איז נישט אויסגעארבעט אין די מידה פון בטחון ווערט נערוועז און גערעגט, ער קען נישט דורכטראגן די שאדן.

וואלט ווען דער אריה"ק געווען מיט אונז און ער וואלט געקענט מגלה זיין די סיבה פארוואס עס האט פאסירט די געשעעניש, און וואלט אונז מעגליך מגלה געווען אז די נשמה פון דיין זיידע איז מגולגל אין דער קלף, און נאר אין אזא וועג קען ער האבן שנעל און גרינג זיין תיקון, אבער דער אריה"ק איז נישט מיט אונז און פון אונז פאדערט זיך אמונה צו גלייבן אז אלעס דארף זיין אין דעם וועג, און אמונה איז נאר דא ווען מען זעט נישט און ער דארף זיך שטארקן אין בטחון ווי דער רבי אין חובת הלבבות זאגט אין דער פינעפטער פרק אין דער דריטער חילוק **ויחזק בטחונו באלקים ויסמוך לבו עליו מבעלדי הסיבות.**

[ארויסגענומען פון שיעור 229]

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### מיש אויף ערשט צו דעם דריטן עמוד

א הערצליכן דאנק פאר דער איד וואס האט אריינגעשיקט די הערה.
אין די פריערדיגע גליון [דער לשה"ק גליון] איז געשען א טעות ביים אויסשטעל, דער עמוד נומער 2 האט זיך פארטוישט מיט עמוד נומער 3.
האט א איד איבערגעלאזט די פאלגענדע מעסעדזש:
איך בין זיכער אז איך בין נישט דער ערשטער אויפמערקזאם צו מאכן איבער דער טעכנישער טעות אין די גליון אבער איך טראכט אז אין א 'השגחה פרטית' גליון איז נישטא קיין טעותים, אלעס ווערט געמאכט מיט א השגחה פרטית.
און איך האב טאקע ארויסגענומען דערפון א שטארקער לימוד און כ'וויל עס דא מיטטיילן.
ווי יעדער איד האב איך אנגעהויבן לייענען דער גליון. איך האב געליינט דער אינערווייניגסטער עמוד און עס האט נישט געדויערט לאנג און כ'האב באמערקט אז עפעס פעלט. איך האב פראבירט צו פארקוקן אויפ'ן פעלער און ווייטער געליינט אבער עס האט זיך נישט געליינט.
איך האב געקוקט אויפ'ן צווייטן עמוד און איך האב גלייך פארשטאנען וואס דא גייט פאר און אנגעהויבן לייענען. אזוי לייענענדיג טראכט איך צו מיר, צי איז נישט אונזער לעבן אזוי.
אסאך מאל טרעפן מיר זיך אינמיטן א מעשה און מיר פארשטייען נישט וואס גייט דא פאר? פארוואס איז דאס און דאס געשען? אבער אין הימל לאכט מען פון אונז.
דער אמת איז אז אלעס שטימט, מיר האבן פשוט אנגעהויבן צו לייענען דער צווייטער פרק פאר'ן לייענען דער ערשטער פרק.
א שיינער דערהער!
און יעצט לאמיר צוריקגיין צו אונזערע טעג און ווייטער פלעכטן דער שיינער יסוד וואס דער איד האט דא געלערנט מיט אונז.
לאמיר פאר א רגע צוריקגיין צו די ימי החשמונאים! די חשמונאים האבן נארוואס געענדיגט זייער מלחמה און איינמאל דער זיג איז שוין פארענדיגט, איז צייט אריינצוגיין אין בית המקדש און זען וואס גייט דארט פאר.
מען קומט אן אין בית המקדש און וואס טרעפט מען? א חורבן! די מנורה איז צובראכן! אלע כלים זענען טמא און צעשמעטערט. לויט יעדער חשבון וועט נעמען כאטש א האלבער יאר ביז ווען מען וועט קענען צוריקשטעלן אלעס אויפ'ן פלאץ.
אויך די מלחמה איז נאכנישט געווען אינגאנצן געענדיגט. אין ספר דורות הראשונים ווערט געברענגט, אז נאך דרייסיג יאר נאכן נס חנוכה, האבן די יוונים נאך געשאסן אויף די פיילן צום ריכטונג פונעם בית המקדש.
עס איז א שווערע צייטביים כלל ישראל. אין אזא טאג וואלט מען געדארפט ווערן נאך מער צובראכן. עס איז די ערשטע מאל וואס מען זעט די חורבן פאר די אויגן, אבער ניין! די חכמים קוקן אן אנדערש דער בילד. זיי באשליסן אז אנשטאט צו רעדן פון וואס מען האט נישט, לאמיר זיין קאנצענטרירט אין וואס מען האט יא!
מען האט איין קריגל אויל, לאמיר עס אנצינדן! מען צינדט עס אן און השי"ת באווייזט די וואונדער אין דעם קריגל. ער ווייזט פאר'ן כלל ישראל אז אלעס האט א סדר, אלעס איז אין קאנטראל, איר וועט נאך ארויסגיין פון דעם חורבן, דו מיינסט אז עס איז דא א חורבן, אלעס זעט אויס חרוב ונחרב, אבער אלעס האט א סדר.
און אויף די נקודה האט מען מייסד געווען דער יום טוב חנוכה אויף יענער צייט און אויף די דורות שפעטער ווען מען וועט זיין אין די פינסטערע גלות.
אסאך מאל זעט אויס ווי אלעס איז איין גרויסער פינסטערניש, מען מיינט אז עס איז א חורבן אבער עס איז נישט דא קיין חורבן ווייל אלעס איז מיט א חשבון, נישט אלעמאל ווייסט מען אין אנהייב וויאזוי די זאך גייט זיך ענדיגן, אבער מיר גלייבן אז עס איז א שלימות און אז אלעס איז לטובה.
א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## דער הויט ווארצעל ווערט פארשווינדן

לעצטענס איז ערשינען אין די גליונות עטליכע ערציילונגען איבער אידן וואס האבן זיך געמוטשעט מיט ווארצלען וואס קומען ארויס אויף די הויט.

אפשר וואלט געווען א פאסיגער זאך צו שרייבן א בוך איבער די נושא, דער בוך זאל מען רופן 'אומצומישטע ווארצלען'... און דארט וועט שטיין אויך די מעשה וואס איך שילדער דא.

אויך ביי מיר האט איין טאג אנגעהויבן ארויסשפראצן א ווארצעל אויף מיין פינגער. זעענדיג אז עס גייט נישט אוועק און עס שטערט בין איך געגאנגען צו א לאקאלער דאקטאר און אים געפרעגט וואס מען קען טון דערצו. דער דאקטאר האט אויסגעמישט עטליכע זאכן אין א פלאש און עס אנגעשמירט אויף מיינע פינגער און ביז עטליכע טעג איז עס אוועק געגאנגען.

עס איז אוועק אבער א שטיק צייט שפעטער האט ער זיך צוריקגעקערט און דאסמאל אין א נייע ווערסיע, גרעסער און מער אגרעסיווער.

זוכנדיג נאך די זעלביגע דאקטאר האב איך אים נישט געטראפן און אין די קליניק האט מען מיר געשיקט צו א דאקטאר וואס געפונט זיך ווייט אוועק פון דא.

דער געגענט וואו ער געפונט זיך איז נישט א ריינע געגענט, עס איז געווען פארבינדן מיט שאלות אין שמירת עינים און זעענדיג דאס האב איך באשלאסן אז כ'גיי מתפלל זיין פאר השי"ת עס זאל אוועקגיין.

איך האב געדאווענט און א שטיק צייט שפעטער איז עס אוועק כאילו לא היה.

## אבידה כנגד אבידה

אין די זומער וואכן ווען די אידן אין ניו יארק פארן ארויס אין קאנטרי האב איך זיך ארויסגעלאזט צו די קאנטריי'ס.

אונטערוועגענס צו די קאנטרי האב איך געמאכט א סטאנציע אין די שטאט מאנסי. זייענדיג דארט האט מיר א איד, א מלמד, געפרעגט צי איך קען אים נעמען צו איין געוויסע קאנטרי.

דער יעניגער קאנטרי איז ווייט אוועק פון די קאנטרי צו וואו איך האב געדארפט אנקומען א האלבער שעה אבער איך האב געוואלט ארייננכאפן א מצוה און אונטערוועגענס האב איך ארייַנגעכאפט צוויי שיינע מעשיות.

דער מלמד דערציילט:

ווען איך האב פארגעלערנט די חומש פון פרשת במדבר אין מיין כיתה האט א קינד געפרעגט א שאלה. די שאלה איז געווען אין איינער פון די יסודות אין די אמונה. די שאלה האט מיר מורא'דיג צורודערט. א קינד זאל פרעגן אזא שאלה? איך האב נישט געהאט קיין מנוחה פון דעם א שטיק צייט.

ווי אזוי קען איך ערפולן מיין פליכט אלץ מלמד און לערנען מיט די קינדער גמרא מיט תוספות ווען אין זייער מח דרייט זיך אזעלכע שאלות. מן השמים האט מען געזען מיין קלעמעניש און מען האט צוגעפירט אז רייזענדיג אויף איינער פון די שטאטישע באסעס פון דער היימישער ציבור פון איין שטאט צו די אנדערע זאל איך זיך באגעגענען מיט א חשובער רב וואס איז א גרויסער משפיע ביים היימישן ציבור.

זעענדיג אז נעבן אים איז ליידיג האב איך זיך אוועקגעזעצט נעבן אים און פארגעלייגט פאר אים די מעשה דברים כהוייתן.

דער רב הערט מיר אויס און רופט זיך אן צו מיר.

"מעגליך אז וואס כ'וועל דיר זאגן וועט דיר נישט שמעקן אבער לדעתי, אויב אזא זאך געשעט, איז עס דיין שולד".

"מיין שולד?".

"יא. געב א קוק. מען האלט שוין פרשת במדבר. האסט זיי אויסגעלערנט גמרא מיט רש"י אבער וואו איז די אמונה? פארוואס רעדסטו נישט מיט זיי אביסל אמונה? רעד מיט זיי איבער אמונה, בטחון, השגחה פרטית ועוד, וועסט זען אז עס וועט דיר העלפן".

איך האב געפאלגט. טאג איין, טאג אויס, האב איך געווידמעט א שמועס פון א פערטל שעה איבער אמונה און בטחון און השי"ת האט מיר מזמין געווען א שיינע מעשה אין מיין כיתה.

צווישן מיינע תלמידים איז איינער געווארן בר מצוה. דער סדר אין אונזער חדר גייט אז א חלק פון

## מען דארף נישט קויפן

איך האב א חבר וואס מוטשעט זיך זייער אסאך מיט זיינער א קינד.

דער קינד פארשאפט אים אסאך צער ברוחניות ובגשמיות.

צווישן אנדערע איז ער ליידער זייער שוואך אין אידישקייט און ער האט זיך ליידער דערקייקעלט זייער נידריג אז ער לייגט נישט קיין תפילין און רוב טעג דאווענט ער נישט.

עס איז געווען אינמיטן חודש אלול ווען דער קינד 'שמואל דוב' [דער נאמען איז געטוישט] האט אים געכאפט א התעוררות און ער האט א זאג געגעבן פאר זיין טאטע אז ער וויל אנהייבן צוריקצולייגן תפילין, אבער אזוי ווי ער ווייסט נישט וואו זיינע תפילין זענען האט ער געבעטן פון זיין טאטע אז ער זאל אים קויפן תפילין.

"נייע תפילין קאסט אסאך געלט. איך בין דיר גרייט צו קויפן נייע תפילין אבער בתנאי אז דו וועסט טאקע לייגן תפילין יעדן טאג. לאמיר זאגן אז איך זעה אז פון היינט ביז נאך סוכות פארפעלסטו נישט צולייגן קיין איין טאג תפילין קויף איך דיר א נייער פאר".

דער קינד האט געהערט, אבער אין הימל איז מען בוחן כליות ולב. מען האט געוואוסט אז די התעוררות איז מיט אן ערנסטקייט און מען האט פאר אים מזמין געווען א ישועה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז פאר דעם בחור האט מען געקויפט תפילין ביי די בר מצוה אבער אזוי ווי אז ער האט עס נישט גענוצט איז עס געבליבן ליגן אין א שול און איז פארוואגעלט געווארן.

און אין דעם זעלבן טאג ווען דער בחור האט געהאט די התעוררות האט א געוויסער רב פון די יעניגע שטאט וואו דער בחור האט געוואוינט געדארפט אנקומען צו א שול אין יענע שטאט. דער רב האט געהאט ביי זיך אן אדרעס וואו די יעניגע שול דארף צו זיין אבער נישט וויסנדיג גענוי וואו מען דארף גיין האט ער זיך פארבינדן צו א דרייווער וועלכער קען זיך גוט אויס אין די גאסן פון די שטאט און אים געבעטן גענויערע אנווייזונגען.

דער רב איז גוט באקאנט מיט דער דרייווער און אזוי שמועסנדיג מיט אים שפרינגט ארויף ביים רב א מאדנער געדאנק.

"רעדנדיג מיט דיר אזוי פאלט מיר איין אפשר וואלסטו געוואוסט. עס וואלגערט זיך שוין א לאנגער צייט ביי מיר אין שול א תפילין בייטל מיט די נאמען שמואל דוב גרינשטיין. דער גבאי וויל עס לייגן אין גניזה. אפשר ווייסטו ווער עס איז? דו קענסט איינעם גרינשטיין?".

דער דרייווער זאגט אים אז גראדע יא.

"איך קען א איד מיט'ן נאמען גרינשטיין. לאמיר אים געבן א פרעג".

נאכ'ן מאכן אפאר טעלעפאן קאללס איז מען אנגעקומען צו דער בחור און דאס האט פאסירט פונקט אין דעם טאג ווען דער בחור איז געווארן נתעורר צו לייגן זיינע תפילין.

פון הימל האט מען געוויזן אז די התעוררות פון דער בחור איז חשוב און אים צוריקגעברענגט זיינע פארלוירענע תפילין.

## צוויי אויף איין זיץ

מיין נאמען איז אוהד נאגי. איך וואוין אין די שטאט בית שמש און צוליב מיינע געשעפטן האט זיך אזוי געפירט אז איך בין מערערע מאל אונטערוועגנס.

ביי אסאך פון מיינע רייזעס זעה איך אפענע השגחה פרטית, אבער די יעצטיגע געשעעניש איז עפעס ספעציעל.

די רעדע איז פון א רייזע וואס איז געווען פון טערקיי קיין ארץ ישראל. ווי עס איז ברייט באקאנט איז טערקיי א גרויסער דורכפאר לאנד. אז א איד וויל אנקומען פון איין ארט צו די אנדערע און ער זוכט אן אינטערנאציאנאלער לופטליניע בשכינות פון ארץ ישראל איז טערקיי דער אדרעס.

איך בין גראדע געווען אין טערקיי. איך בין נישט געווען דארט אליינס. מיט מיר זענען געווען נאך צוויי חברים מיט וועמען מיר טוען געשעפטן. אויפ'ן וועג צוריק האב איך געבעטן פון דער באאמטער אין די עירפארט אז מען זאל אונז זעצן איינער נעבן דעם צווייטן אין איין שורה, אבער דער באאמטער האט אונז געזאגט אז די פליגער איז איבערגעפולט און מען קען אונז נישט זעצן אינאיינעם, נאר יעדער וועט זיצן אליין אין זיין ארט.

איך האב שווער פארדייעט די נייעס. די פליגער איז פול מיט אראבער וועלכער האבן באזוכט אין טערקיי, אבער נישט די אראבער האבן מיר געבאדערט. עס האט מיר געשטערט די איינזאמקייט. עס איז נישט אנגענעם צו זיצן אליינס און זיין ארומגענומען מיט פרעמדע און אומפריינטליכע עלעמענטען, אבער איך האב זיך מחזק געווען אז אלעס פירט זיך פון אויבן און כ'קען זיך נישט אפרעדן.

"נישט דער באאמטער אין די עירפארט האט מיר געגעבן דער פלאץ, דער באשעפער איז דער וואס האט באשטימט וואו כ'זאל זיצן".

זיץ איז זיך אזוי פארזינקען אין מיינע געדאנקען און כ'טראכט פון דער וועג ווען איך זעה א איד א בעל צורה קומט מיר אקעגן. מיין זיץ איז געווען נעבן דער דורכגאנג און אריין פון מיר איז געווען נאך א זיץ און זעענדיג ווי ער קומט צו גיין אין מיין ריכטונג, האב איך זיך געפריידט, אפשר איז ער גאר מיין שכן.

ווען ער איז אנגעקומען צו זיין פלאץ זאגט ער מיר מיט אן איידלקייט אז איך זיץ אויף זיין פלאץ.

איך געב א קוק אויף מיין צעטל און עס שטייט דערויף דער נומער זיץ סי 23. "ביידע האבן באקומען די זעלבע זיץ".

עפעס שטימט נישט. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון אבער אזוי ווי די זיץ נעבן מיר איז געווען ליידיג, האב איך געזאגט פאר'ן איד אז דערווייל זאל ער זיצן נעבן מיר, לאמיר זעען ווי אזוי די זאך וועט זיך אויסקאכן.

עס איז אריבער אפאר מינוט און דער איד טאנצט ארויס פון זיין ארט. ער פארשטייט שוין וואס גייט דא פאר. ער האט געמאכט א טעות. ער קומט יעצט פון אוקראיינע און די צעטל וואס ער האט נארוואס געוויזן קומט פון אוקראיינע (זיין פריערדיגע רייזע), ער געט א קוק אויף זיין יעצטיגער צעטיל און ער זעט אז יעצט האט ער אן אנדערע זיץ.

דער איד הייבט זיך אויף. ער וויל ארויסגיין פון זיין ארט צו זיין באשטימטער ארט. איך זעה ווי ער וויל אוועקגיין און כ'בעט אים ער זאל דא בלייבן.

"איך האב זיך שוין אזוי געפריידט אז דו ביסט אהערגעקומען און דא לויפסטו מיר אוועק.ווארט אביסל, אפשר איז דער ארט דא ליידיג".

דער איד איז געבליבן. מיר האבן געווארט מיט נייגער צו זען וואס גייט זיך אויסקאכן. עס איז אריבער נאך א מינוט און נאך א מינוט און קיין איינער איז נישט געקומען צו גיין צו דעם ארט, עס איז געבליבן ליידיג.

ווען מען האט פארמאכט די טירן בין איך געווארן רואיג. עס איז געבליבן מיין ארט און אינמיטן א ליידיגער זיץ און דער אנדערע איד נעבן מיר. איי ווי גוט איז צו זיצן נעבן א איד! און ווי צוויי אידן האבן מיר פיין געשמועסט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד איז מקרב אידן צו תשובה און אזוי ארום האב איך געקענט הערן פון אים שיינע געדאנקען פון אמונה מיט בטחון און דברי תורה, מען האט פיין פארברענגט און איך האב זיך קונה געווען אין די שעה אסאך תורה ויראת שמים.

אבער מער ווי אלעס בין איך געווען באגייסטערט וויאזוי השי"ת האט זיך געזארגט פאר מיר. ארויפגייענדיג אויפ'ן פליגער האב איך געטראכט צו מיר אז איך וועל דא זיצן נעבן א גוי פארווארפן, אבער אין הימל האט מען געליינט מיין מחשבה און צוגעשיקט א געשמאקער איד, א בן תורה, אז ער זאל מאכן א טעות און אז איך וועל האבן א דערהויבענע רייזע.

## די שערי מחילה

פאר יארן לאנג האט מיין פרוי אנגעפירט א געשעפט. מיט איר אין געשעפט האט געארבעט נאך א מיידל. די מיידל איז געווען א גוטע ארבעטער אבער אביסל אן עלטערע מיידל און זי האט געהאט שוועריגקייט מיט שידוכים.

אין א טאג האט די טעלעפאן אין געשעפט געקלינגען. אויפ'ן צווייטן זייט טרייבל איז געשטאנען א איד וועלכער האט זיך אינטערעסירט אין די מיידל בנוגע א שידוך. דער איד האט געהאט א רייע פון ספעציפישע שאלות און איז אריין זייער טיף אין די נושא פרעגנדיג אויף יעדער פרט ופרט.

ווען דער שמועס האט זיך געענדיגט איז מיין פרוי געבליבן מיט זייער אן אומבא'טעמ'טער געפיל. דער איד האט איר באהאגעלט מיט שאלות און אומווילנדיג אריינגעשלעפט אין אומבאקוועמען ווינקלען און געשטרויכלט איר מויל אז זי זאל רעדן זאכן וואס זי האט נישט געוואלט. אזוי אויך האט ער איר נישט געגעבן קיין שאנס אז זי זאל קענען ארויסברענגען די גוטע חלקים פון די מיידל.

זי האט זייער מורא געהאט אז זי האט מער קאליע געמאכט ווי אויפגעטון.

די מחשבות האבן איר געפייניגט זייער לאנג, בפרט ווען עס איז אריבער אסאך צייט און די מיידל איז נישט געווארן א כלה.

זי האט זיך געדריידט מיט דער געדאנק אז ווער ווייסט צי ווען נישט איר וואלט זי שוין לאנג געווען א כלה.

זי האט איר געוואלט איבערבעטן אבער עס האט זיך נישט געמאכט א פאסיגער געלעגנהייט און ביני לביני האט זי איבערגעלאזט די ארבעט און איז אריבער ארבעטן אין א צווייטן ארט.

גאנצע צען יאר איז אריבער פון יענער געשעעניש אבער זי האט עס קיינמאל נישט פארגעסן. אמאל זייענדיג אין מירון האט זי מתפלל געווען מעומקא דליבא אז השי"ת זאל צופירן אז זי זאל איר אנקלינגען און אזוי ארום וועט זי איר קענען איבערבעטן.

איין טאג שפעטער! קלינגט די טעלעפאן אין שטוב און ווער איז אויפ'ן טעלעפאן? די זעלבע מיידל. זי האט שוין חתונה געהאט און זי קלינגט בעטן מחילה פון מיין פרוי ווייל אמאל האט זי גענומען געלט פון די קאסע און האט פארגעסן צוריקצולייגן די געלט.

מיין פרוי איז געווען איבערראשט פון די אפענע סייעתא דשמיא. זי האט איר גלייך מוחל געווען און האט אפילו נישט געפרעגט פון וויפיל געלט עס האט זיך גערעדט. זי האט איר נאר געבעטן אז זי זאל איר מוחל זיין בלב שלם אויף אלעס.

ביידע האבן זיך מוחל געווען און א שטיין איז אראפ פון איר הארץ זעענדיג ווי אזוי איר תפילה איז נתקבל געווארן און זי געקענט אויספירן איר לאנגיעריגע ווינטש איבערצובעטן די פרוי.

די קינדער גייען אהיים פון חדר
מיט ביציקלעך און דער פרישער
בר מצוה בחור האט אריינגעלייגט זיין
תפילין אין די טאש וואס ער האט אין זיין
ביציקל און איז אהיימגעפארן פון חדר.
ער קומט אן אין שטוב און ער געט א קוק אין
טאש: די תפילין איז נישט דא!

ער איז געווארן אויס מענטש פון דעם. גלייך איז ער צוריקגעפארן אין חדר אבער די תפילין איז נישט דא!

דער בחור'ס נאמען איז נפתלי גאלדשטיין. ווען דער בחור האט נישט געטראפן זיין תפילין האט ער מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל אים מזמין זיין די מצוה פון השבת אבידה און אזוי וועט ער מידה כנגד מידה געהאלפן ווערן צו טרעפן זיין תפילין.

עס גייט אריבער עטליכע מינוט און ער טרעפט אין גאס א פאר זאקען. אויף דער פעקל שטייט א נאמען מיט א טעלעפאן נומער. יעצט האט ער שוין די מצוה פון השבת אבידה. ער איז אהיים געלאפן אין שטוב און אנגעקלינגען יענער נומער, עס האט אויפגעהויבן א פרוי און הערנדיג פון וואס עס איז די רעדע האט זי געזאגט אז יא! זיכער זי האט עס פארלוירן.

"איך וועל עס קומען אפנעמען".

"ניין. לאמיר קומען צו ענק".

דער בחור האט געזאגט אז ער הייסט נפתלי גאלדשטיין און ער גייט יעצט ארויס מיט זיין ביציקל צו זייער שטוב.

ווען דער בחור איז נאך געווען אונטערוועגנס האט דער מאן אריינגעקלינגען אין שטוב און דערציילט אז זייענדיג אין שול איז אריינגעקומען א רוסישער גוי מיט א פאר תפילין אין די האנט און א פרעג געגעבן צי איינער האט עס פארלוירן.

"דער בחור הייסט נפתלי גאלדשטיין! אפשר קענסטו אזא איינעם?".

"זיכער קען איך אים, ער איז יעצט אויפ'ן וועג אהער".

עס האט נישט געדויערט לאנג און עס האט פאסירט מידה כנגד מידה - מען האט אפגעגעבן איין אבידה און באקומען די צווייטע אבידה.

## די ערשטע פרייז בלייבט

פאר פרנסה וועגן בין איך עוסק אין בויערייי.

עס האט זיך געמאכט אז פאר א לאנגער צייט האב איך זיך נישט גוט געשפירט און נישט געקענט ארבעטן.

ווען איך האב זיך שוין געשפירט בעסער איז מיר אונטערגעקומען אן ארבעט. די ארבעט האט מיר מציע געווען א צווייטער דעוועלאפירער און איך בין געווען אויסערזיך פאר שמחה אז ענדליך האב איך שוין ארבעט און כ'גיי עפעס פארדינען.

נאכ'ן הערן וואס יענער וויל האב איך זיך אראפגעזעצט און אנגעהויבן מאכן א חשבון וויפיל געלט דער זאך גייט מיר אפקאסטן. דער רעכענונג האט געדויערט אסאך צייט און אויך געפאדערט איך זאל נאכגיין אסאך קלייניגקייטן און ווען דער בילד האט זיך אויסגעקלארט האב איך געהאט פאר יענעם א פארטיגן בילד מיט א פרייז.

איך האב אים געשיקט מיין פארשלאג, דער קליענט האט עס געליינט און מיר צוריקגערופן זאגנדיג אז ער האט נארוואס באקומען א פארשלאג פון א צווייטער, יענער בעט מיט זעקס טויזנט דאלער ביליגער ווי מיר.

"אויב דו לאזט אראפ זעקס טויזנט דאלער נעם איך דיר".

ווען איך האב דאס געהערט האט עס מיר זייער וויי געטון. דער אמת איז אז אזוי ארבעט דער פעלד. איינער איז טייערער, א צווייטער איז ביליגער, אבער איך האב שוין אריינגעלייגט דא אזויפיל ארבעט, קאפ און מח און דא בלייבט גארנישט פון דעם אבער איך האב זיך מיישב געווען אז ווארשיינליך איז דאס דער רצון השם און כ'האב זיך נישט וואס צו באקלאגן.

"זיכער האט דער באשעפער פאר מיר עפעס בעסער'ס. א גרינגערע ארבעט פאר מער געלט".

איך האב פארשטאנען אז אלעס איז לטובה און אנשטאט ווערן טרויעריג האב איך אנגעהויבן דאנקען השי"ת על כל הטובה אז ער האט מיר מציל געווען פון שוועריגקייטן.

דער לויבן השי"ת האט מיר געמאכט מונטערער אויפ'ן הארצן, און פלוצלונג האב איך זיך געכאפט אז בעצם קען גאר זיין אז דער חילוק אין פרייז צווישן מיר און מיין קאנקערירער איז אז מיין פרייז רעכענט אריין אלסדינג און זיינס רעכענט נישט אריין אלעס.

איך האב צוריקגעקלינגען צו דעם איד און אים געפרעגט עטליכע שאלות איבער דער פארשלאג פון יענעם. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אינדערצייט וואס מיין פארשלאג איז פולשטענדיג האט ביי יענעם געפעלט אסאך זאכן.

יעצט האט יענער מודה געווען אז עס האט געפעלט אסאך זאכן און געזאגט אז אויב עס איז אזוי נעמט ער מיר פאר די ארבעט.

איך האב געדאנקט דער באשעפער פאר די חסד און איך בין ארויס מיט שיינע פארדינסטן זייענדיג איבערגעצייגט אז די ברכה אין די ארבעט איז זיך מיר געקומען ווייל איך האב געדאנקט השי"ת אויף אלעס, אויך ווען זאכן האבן אויסגעזען צו זיין אנדערש ווי כ'וויל.

# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

מען הערט אסאך שיינע מעשיות אויף די השגחה פרטית ליניע פון מענטשן וואס האבן פארלוירן אבידות און עס געטראפן אויף א וואונדערליכער אופן. אבער אויב איז עס נישט נגזר געווארן אז דער מענטש זאל פארלירן די זאך, פארוואס האט עס געדארפט זיין אזוי אז דער מענטש זאל עס בכלל פארלירן?

שאלה נומער 30

י.ה. ירושלים

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### את אשר יאהב השם יוכיח

**הרב שמואל בלויא פון ירושלים, הרב עקיבא סיגבערגער פון רכסים, הרב משה כהן פון בית שמש, הרב שמעון ליפשיץ פון ירושלים, הרב ישראל זאקס פון בית שמש:** איר שטעלט פאר די שאלה בנוגע ווען מען פארלירט אן אבידה אבער בעצם איז די שאלה דא אייביג. ביי יעדער צער און יסורים קומט אפיר די שאלה. דער זאך איז אז די אלע זאכן איז פאר אונז א נסיון. מען פראבירט אונז אויס צו זען ווי אזוי מיר גייען עס מקבל זיין. צי מיר וועלן עס מקבל זיין באהבה ובשמחה אדער נישט? איינמאל די נסיון איז אריבער ווען זאכן צוריקגיין צו דער פריערדיגער מציאות.

**הרב מנחם לאנדא פון נוף הגליל, הרב יוסף אסטאבאלי פון מודיעין עילית, הרב דוד בוקער פון צפת, הרב חיים אייזנבאך פון אשדוד, הרב חנוך ראזענשטראך פון אשדוד, הרב אהרן טערבסלי פון ירושלים, הרב נחמן גאלדבערג פון ירושלים, הרב יעקב מרדכי אגאנסבערג פון מודיעין עילית, הרב ברוך צבי שור פון ביתר, הרב יהושע כהן פון ירושלים, הרב יחיאל הכהן לובעצקי פון מודיעין עילית:** די מטרה פון א שוועריגקייט ביי א איד איז אים צו דערוועקן צו תשובה ותיקון המעשים. אמאל וויל מען אים מעורר זיין און אמאל וויל מען אים מחזק זיין באמונה ובבטחון, ער זאל זיך דערנענטערן דורכדעם צו השי"ת, דורך תפילה. ווען א מענטש פארשטייט די מטרה איז ער זוכה אז ער ווערט געהאלפן.

**הרב אליהו שפיצער פון בית שמש** ברענגט אראפ א מאור עינים [פרשת ויצא] און וועגן דעם זאל א מענטש גלייבן באמונה שלימה אז אויב עס קומט אים אונטער א צער אדער א יסורים ח"ו אדער אפילו א קליינער הפסד אז עס קומט אים מיט די מטרה צו דערוועקן צו השי"ת. און געב א קוק וואס חז"ל זאגן אז אפילו אויב א מענטש שטעקט אריין די הענט אין טאש ארויסצונעמען עפעס און עס קומט ארויס א צווייטע זאך איז עס עגמות נפש און ווען ווייסט אז עס איז פון אויבן און מיט די מטרה אים צו מקרב זיין צו השי"ת ווערט אזוי אויך למעלה. **הרב יחיאל מאיר פעדער פון ירושלים** צייכנט צו די ווערטער וואס הרה"ק רבי נתן מברסלב זאגט, אז ווען א מענטש ווערט שוואכער אין תפילה שיקט אים השי"ת אונטער אן אבידה און ער זאגט אז אזוי פלעגט אויך זאגן זיין רבי הרה"ק רבי נחמן מברסלב אז ווען א מענטש פארלירט עפעס איז א סימן אז זיין אמונה איז שוואכער געווארן.

**א שיינער געדאנק שרייבט הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** חז"ל זאגן אונז אז א מציאה קומט בהיסח הדעת. אזוי אויך אן אבידה ווערט בהיסח הדעת. דערווארט דעת איז מלשון חיבור. ווען א מענטש איז מסיח דעת פון זיין קשר צו השי"ת קומט די אבידה צו גיין און איז אים מעורר ער זאל זיך דערמאנען אין די עכטע אבידה וואס ער האט פארלוירן און דאס איז די נאנטקייט מיט השי"ת.

**הרב דוד לייפער פון ירושלים, הרב יחיאל מיכל ברייש פון בני ברק, הרב יוסף צוויבל פון ירושלים, הרב אהרן בייפוס פון רכסים, הרב גיל בראד פון ירושלים:** דער באשעפער גלוסט צו די תפילות פון צדיקים און מיר ווייסן אז ועמך כולם צדיקים. אמאל טרעפט א מענטש שוועריגקייטן ווייל פון הימל בענקט מען זיך נאך זיין תפילה און אַן אבידה גייט אריין אין דעם כלל.

**הרב מנחם מענדל שטראוס פון בני ברק, הרב יעקב גאלדשמיד פון ביתר, הרב מרדכי וואלעס פון בני ברק:** אסאך מאל איז דער מענטש ארומגענומען מיט אזויפיל גוטע זאכן אז ער פארגעסט צו שעצן וואס ער האט אלעס מרוב טוב. מען שיקט אים אונטער אַן אבידה ער זאל זיך דערמאנען צו שעצן די גוטע זאכן וואס ער האט.

**הרב יהודה סולימאן פון עפולה, הרב מתתיהו קיטיי פון ירושלים, הרב דוד ישי פון בני ברק, הרב יהודה כהן פון ירושלים, הרב אריה איידלמאן פון ירושלים, הרב חיים ראטטענברג פון בני ברק, הרב יעקב יוסף קליין פון חיפה:** עס קען זייער מעגליך זיין אז פון הימל האט מען נישט געוואלט אז דו זאלסט פארלירן די זאך, עס איז דיר געווען באשערט אביסל עגמת נפש פאר א קורצער צייט און איינמאל עס איז אריבער די צייט טרעפסטו וואס דו האסט געזוכט.

**הרב דוד שטיין פון מודיעין עילית, הרב דוב קויפמאן פון מודיעין עילית, הרב יהודה מימון פון פתח תקוה:** דער באשעפער וויל אונז דערמאנען אז ער איז משגיח אויף אונז און ער באגלייט אונז אויף טריט און אויף שריט. אסאך מאל מאכט זיך אז מיר פארגעסן עס און דורך דעם דערמאנען מיר זיך און מיר אנערקענען וויאזוי ער פירט אונז אויף טריט און אויף שריט.

### לזכות את ישראל

**הרב מאיר אייזנבאך פון בית שמש, הרב נתנאל כהן פון רכסים, הרב מני דרחי פון רמת גן:** דער באשעפער האט באשאפן די וועלט מיט מצוות און איינער פון די מצוות איז השבת אבידה. אויב וואלטן מיר קיינמאל גארנישט פארלוירן וויאזוי וואלטן מיר געקענט מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה?

**און מיט א טיפערע בליק ברענגט אונז הרב מרדכי גולדמן פון ביתר עילית** בשם זיין זיידע הרה"ק רבי מרדכי זעוועהילער זיע"א אין זיין ספר יקרא דמלכא אז דער וואס טרעפט די אבידה איז גאר ממתיק דער דין וואס עס איז געווען אויף דער בעל האבידה און ער געבט צו פארשטיין: כלל ישראל איז דאך געקניפט און געבינדן איינער מיט די אנדערע און אויב א איד איז נישט אזוי ערליך און עס ווערט אויף אים חלילה נגזר א גזירה קען עס א צווייטער איד וואס איז מער אויסגעארבעט פון אים מתקן זיין, און וועגן דעם טרעפט זיך אסאך מאל אז אויב א איד איז מעלים עין פון א צווייטער איד וואס דארף צדקה ווערט אויך פון אים נעלם זאכן און ער קען זוכן א זאך ווען עס ליגט אים ממש קעגן די אויגן, אבער פאר דער צווייטער איד וואס איז יא אויסגעארבעט אין די זאך איז עס נישט נעלם און ער טרעפט עס גלייך.

## שאלה פאר דער גליון 80

אין די לעצטערע צייטן האבן מיר ליידער געהערט איבער אסאך ביטערע טראגעדיעס. די אלע געשעענישן דערשרעקט מיר. איך ציטער ווער ווייסט וואס וועט זיין מארגן. אפשר וועט עס חלילה געשען צו מיר אויך און כ'וואלט ווען געוואלט הערן וויאזוי פארמעסט מען זיך מיט דעם? א איד וואס האט בטחון קען נישט זאגן אז ביי מיר וועט עס נישט געשען. דאס איז נישט בטחון. אדער אפשר איז דאס יא דער וועג?

ח.כ. מודיעין עילית

### איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת ויחי. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

# להודות ולהלל צום בורא עולם

חנוכה איז ימי הלל והודאה. אינ'אמת'ן אריין דארף א איד לויבן א גאנץ יאר, דער לעבן פון א איד איז איין שטיק הודאה, אבער חנוכה פאדערט נאך מער הלל והודאה, עס איז ימי הלל והודאה.

איך האב אמאל געטראפן הר"ר יעקב גרינוואלד [רבי יעקב איז געווען א איד א צדיק, ער איז געווען א דאקטאר און א שטארקער מקורב צו דער קאפישניצער רבי זצ"ל] און איך האב איך אים געבעטן ער זאל מיר עפעס איבערדערציילן פון זיין רבי דער קאפישניצער רבי זצ"ל. האט ער מיר דערציילט אז זיין רבי האט כל ימיו געזוכט וויאזוי ער קען מער און מער לויבן השי"ת. ער האט געזוכט א זאך אויף וואס ער קען לויבן, א פרישער חסד וואס ער האט היינט געהאט, אז ער זאל קענען לויבן אויף דעם השי"ת, דאס איז געווען זיין לעבן און זיין חיות.

דער געדאנק דארף באגלייטן א איד כל ימיו! א איד דארף משקיע קאפ און מח צו טרעפן ווי אזוי ער קען מער און מיט מער הארץ ליבן השי"ת. ווען א איד פירט זיך אזוי קוקט השי"ת אראפ אויף אים און זאגט אז ער איז 'מיינער' און כ'וועל משפיע זיין אויף אים אלעס גוטס.

מיר האבן אזויפיל אויף וואס מיר דארפן דאנקען השי"ת. דער עצם זאך אז מען איז א איד! אז מען איז א קינד פון דער באשעפער, איז א סיבה צו דאנקען א גאנצער לעבן. א איד מאכט זיך א חשבון אז איך בין נישט א פשוט'ער באשעפעניש, איך בין א קינד פון דעם רבוש"ע! דער באשעפער וואלט מיר פונקט אזוי געקענט באשאפן א טרוקענער שטיין אבער ער האט רחמנות געהאט אויף מיר, ער האט מיר געמאכט פאר א מענטש און נישט סתם א מענטש נאר זיינס א קינד! און נישט נאר דאס, ער געבט מיר לעבן, געזונט, פרנסה, קינדערליך, א פרוי, רמ"ח איברים, איך בין געזונט, איך האב אויגן, צוויי הענט, א מויל, איי אויף וויפיל מען קען דאנקען און דאנקען.

ווי געשמאק איז צו הערן פון א צווייטן די ווערטער: איך האב דיר ליב! עס איז געשמאק צו הערן פון א טאטע, פון א זיידע וואס זאגט עס פאר זיינע אייניקלעך אז איך האב ענק ליב! לאמיר צוריקגעבן דער געשמאק פאר השי"ת. לאמיר אים זאגן: רבונו של עולם מיר האבן דיר ליב! דו האסט אונז באפוילן מיט די מצוה פון ואהבת את השם אלקיך און מיר האבן דיר ליב!

מיר האבן נישט קיין אנונג וויפיל תענוג דאס ברענגט פאר'ן בורא עולם אז זיינער א באשעפעניש האט אים ליב!

אמאל ביי א משפחה שמחה פון הרה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל האט ער געגעבן א זאג פאר אלע פארזאמעלטע - לאמיר יעצט אינאיינעם זאגן פאר'ן רבוש"ע: מיר האבן דיר ליב!

**די שיעורים פון הרב שנעעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד ד באקאנ**

א הארציגן דאנק און יישר כח פאר די חשוב'ע 'השגחה פרטית' האטליניע - זייט איך הער עס אויס האט זיך מיין בליק אויפ'ן לעבן געטוישט מקצה אל הקצה. תזכו למצוות.

**מצד די געבער**

מיר האבן געווארט אסאך צייט געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא. איך האב צוגעזאגט צו תורם זיין כמנין צען מאל ב"ן און ברוך השם מיר האבן געהאט א גרויסע ישועה.
ביטע זייט עס מפרסם!

**דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה**


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש